ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

כתובים בידי הרבנית הצדקנית
מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל
## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 28

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 **נדפס בדפוס:**

ב״ה.

# פתח דבר

הננו מו״ל בזה חוברת כ״ח של „זכרונות״ שנרשמו ע״י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע״ה, אמו של כ״ק אדמו״ר זי״ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח״ז גם בתרגום ללה״ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה״ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר״ לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים״**

ט׳ אייר, ה׳תשע״ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

## אַ בריף פון די חזנים

אָט די חזנים — פון וועמען איך האָב אויבן געשריבן — האָבן מיר, נאָך זייער אַוועקפאָרן פון שטאָט, מיר צוגעשיקט אַ בריף, נאָך דעם באַדאַנקען מיר פאַר אייניקע זאַכן, האָבן זיי געשריבן: „אַז דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן מאַכט זיך זיי זען דאָס וואָס זיי האָבן געזען אויף דעם יעקאַטרינאָסלאַווער רב, אַז בעת אַזאַ משמח זיין זיך מיט יום־טוב, מיט אַזאַ שמחה טאַנצן, זאָל מען וויינען אויך אין עפּעס אזעלכע טרערן וואָס זיי האָבן ניט קיין ווערטער אויף זיי איבערגעבן, און די ריקודים זאָלן ווערן נאָך שטאַרקער פון דעם וויינען״.

* * *

## דאָס איז „תורה״ וואָס מען דאַרף לערנען

איך געדיינק, אין דעם 12'טן יאָר זיינען מיר געווען אין וויסבאַדען. שבת פאַרנאַכט איז געקומען צו באַזוך דער רב פון דאָרט, ד״ר כהן[417], ער האָט פאַרבראַכט מער ווי צוויי שעה צייט.

די גאַנצע צייט איז ער געווען נאָר אַ שומע, און זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט מיט התפעלות. עס איז געוואָרן שפּעט אין נאַכט, האָט ער זיך געווענדעט צו מיין מאַן מיט אַ דייטשישער פינקטליכקייט: הער ראַבינער שניאורסאָהן: „עס איז שוין צייט אָוונט־ברויט עסן, און מיין פרוי וואַרט שוין אויף מיר, אָבער איך קען זיך פון אייער שפּרעכן ניט אָפּרייסן, דאָס איז „תורה״ וואָס מען דאַרף לערנען״.

מיר האָט ער געזאָגט אַז איך זאָל זען אַז אלץ וואָס מיין מאַן רעדט זאָל געדרוקט ווערן.

* * *

417) כנראה הכוונה להרב ד״ר אליעזר ליפּמאַן הכהן קאַהן, אב״ד וויסבאַדען. נפטר י״ב חשון תרצ״ז בשנת תשעים וחמש לחייו. תולדותיו וחידושי תורה ממנו בהוספות לספר זרע יעקב (ברוקלין, תשל״ז).

## פּאָרנדיק אין צוג פון וואַרשא

נאָך אַמאָל זיינען מיר אויך געפאָרן פון אויסלאַנד, איז פון וואַרשא אַרויף אויף דער צוג דער שרייבער אַנסקי[418], ער איז אַריין צו אונז אין קופּע, און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרברייינגען־ווי, פּאָרנדיק אין צוג. די רייד, געוויינליך, איז געווען דער עיקר צווישן מיין מאַן מיט דעם שרייבער, מערסטנס אויף מעשיות פון רביים, אַלטע חסידים, מפורסמים, און איבעראַל פון דעם אידעשן רוחניות׳דיקן לעבן.

פון אַלע שכנות׳דיקע וואַגאָנעס איז מען אַריבער צו אונז — יונגע און עלטערע — באַנאַכט איז מען ניט געגאַנגען צו זיך שלאָפן, מען האָט אַלץ געהערט מיט אינטערעס די רייד וועלכע איז געווען מיט בעזונדער רייכן אינהאַלט.

* * *

## מיין שטוב איז אייער שטוב, איך האָב קיין מורא ניט

אין 46׳טן יאָר, אַז איך בין געווען אין קראַסקאָווע אונטער מאָסקווא[419], און מען האָט מורא געהאַט צו שטיין אין מיינע ד׳ אמות. יעדער טאָג כמעט, האָב איך געדאַרפט זוכן אַן אַנדער אָרט אויף נעכטיקן, ווייל וואָוינען ניט פאַרשריבענערהייט, האָט מען ניט געטאָרט, און ווייזן מיין פּאַספּאָרט האָט מען נאָך מער ניט געטאָרט[420], במילא האָב איך זיך געזוכט עצות ווי עפּעס פאַרבעסערן מיין לאַגע.

איך האָב דערהערט אַז אין מאַלאַחאָווקא לעבן קראַסקאָווע וואָוינט ד״ר לאַנדמאַן, וועלכן איך האָב געקאָנט, בין איך צו אים געגאַנגען, אפשר וועט ער מיר קענען איינאָרדענען מיט דעם וואָוינען לעגאַל.

ער האָט מיר פריינטליך צוגענומען, און האָט מיר גלייך געזאָגט אַז

---

418) ש. אנסקי — כינוייו הספרותי של שלמה זיינוויל ראַפּאָפּאָרט (תרכ״ג– תרפ״א), סופר אידי מפורסם.

419) ראה גם „תולדות לוי יצחק״ ח״ג ע׳ 880.

420) שבו הופיע השם המחשיד שניאורסאהן.

ער געדיינקט דעם יום־טוב מיט שמחת־תורה וואָס ער האָט ביי אונז אין שטוב פאַרבראַכט. ער האָט אויך גענומען דעם „וואַקיישען" אויף דעם חודש תשרי[421]. ער האָט געאַרבעט אין אַ „האָספּיטאָל" אַלס אַ עלטערער חירורג[422], און אויף פילן דעם עונג יום־טוב, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט ער אויסגעקליבן די געזעלשאַפט פון שניאורסאָהן, דעם יעקאַטרינאָסלאַווער רב.

און איצט זאָג איך אייך — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט: „מיין שטוב איז אייער שטוב, איך האָב קיין מורא ניט".

* * *

## מכירת חמץ

עס איז שוין נאָך פסח תש"י. אין חודש אב וועט שוין ווערן זעקס יאָר אַז ער[423] איז ניטאָ. אַלעמאָל דערמאָנט זיך עפּעס פון זיין לעבן.

אויף[424] צו דאַרפן דורכפירן די אַלע פונקציעס וואָס אַ רב האָט געדאַרפט, האָט די אידישע באַפעלקערונג געמוזט זיך צו אים ווענדן מיט פאַרקויפן חמץ

— און אַזוי ווי זיין באַציאונג צו אַלץ וואָס ער האָט דורכגעפירט האָט געמוזט האָבן אַ הונדערט פראָצענט אמת, טיפקייט, און ניט אויבן־אויף, דאָס זעלבע איז דאָ אויך געווען —

ער האָט עפּעס געוואָלט אַז דער חמץ זאָל בטל ווערן לגמרי.

געווען אַ קעטיעגאָרי[425], השכלה'ס געשטימטע, וואָס האָבן געקוקט מיט קריטיק אויף דער „מכירה", נאָר ווייל זיי ווילן ניט באַליידיקן די פרומע געפילן פון דעם רב, טוען זיי דאָס.

---

421) ראה לעיל ע' 000.

422) מנתח.

423) כ"ק הרלוי"צ.

424) הבא לקמן — מתקופת רבנותו ביעקאַטרינאָסלאַוו.

425) קטגורי'; סוג.

איך געדיינק, אין דער צייט פון די „בעשזענציס"[426], האָט עוואַקואירט פון ווילנא אין יעקאַטערינאָסלאַוו פּאַוול איסאַקאָוו כהן[427] מיט זיין גימנעאַזיע און אַלע אָפּטיילן. און אין דעם לערער סימינאַר האָבן זיך געפונען העכער טויזנט סטודענטן, מיט אַ גרויסע צאָל לערערס מפורסמים אין אידעשער וויסענשאַפטליכער וועלט.

ער, פּאַוול איסאַקאָוו, איז געווען אין אידיש אַ גרויס געלערנטער מאַן, נאָר ניט רעליגיעז געשטימט. אין דער „בילדונג" וועלט האָט ער פאַרנומען אַ גרויסען אָרט, און ער האָט דאָס געפילט און האָט זיך גאַנץ גדלות'דיק געהאַלטן.

זייענדיק אין דער מדרגה וואָס ער איז געווען, איז איבער דעם כבוד וואָס ער האָט געהאַט צו שניאורסאָהן, און ווי ער האָט אים געשצעט — ער פלעגט אונז גאַנץ אָפט באַזוכן — האָט ער זיך „פּשוט'ער" אַראָפּ געלאָזט, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, און איז געגאַנגען ערב פסח „פאַרשרייבן חמץ", ווי דאָס הייסט.

איך געדיינק ווי ער איז אַריין געגאַנגען, און עס איז געווען קאָנטיק אַז ער וויל דער רב זאָל זען אַז ער טוט פאַר אים אַ גרויסע זאַך. האָט ער אַ קבלת־פּנים געהאַט, ניט אַזאַ ווי ער האָט ערוואַרטעט.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אינדערפרי, אויף דעם ענטפער וואָס ער האָט געזאָגט — אַזוי בדיחה־דעת־דיק — גוט מאָרגן, האָט ער[423] אויף אים אַ געשריי געטאָן: פריער האָט איר ניט געקאָנט קומען? איר זעט וויפל דער זייגער איז! און אזוי בקול רם פון אָנהויב.

איז ער עפּעס אַ צוטומעלטער געוואָרן. נאָר גלייך האָט ער זיך אַוועק געזעצט, און האָט געענטפערט אויף די פראַגן צו אים, אַזוי ווי אַלע קליינע אינגעלעך האָבן געטאָן, וואָס די עלטערן האָבן זיי געשיקט מיט דער שליחות.

---

426) פליטים (Refugees). הכוונה לתקופת מלחמת העולם הראשונה, שבה הגיעו ליקטרינוסלב פליטים רבים מאזור הכיבוש הגרמני. ראה גם שיחות ש"פ תצוה, שושן פורים תשל"ז (נדפסה בתורת מנחם – מנחם ציון ח"ב ע' 422); וא"ו תשרי תשמ"ה (התוועדויות תשמ"ה ח"א ע' 138 ואילך).

427) פאוול איסקוביץ כגן (כהן), מנהל גימנסיה יהודית בווילנא.

חול המועד איז ער געקומען צו אונז מיט אַ באַזוך, מיט דער פרוי, מיט דעם אייגענעם הדרת־הכבוד, אַבסאָליוט ניט ברוגז.

אַזעלכע פאַלן האָב איך אסך מאָל באַמערקט, ווייל מען האָט געזען מיט וואָס פאַר אַן אמת'ן געפיל אַלץ טוט זיך.

* * *

## ריקוד בדמעות

אותם חזנים, שעליהם סיפרתי לעיל, שלחו אלי מכתב לאחר נסיעתם מהעיר. לאחר שהודו לי על אי־אלו דברים, כתבו החזנים שזו להם הפעם הראשונה בחייהם שהם רואים תופעה שכזו, כפי שראו על פניו של הרב מיקטרינוסלב — אדם שבה בעת שהוא שמח בשמחת יום־טוב ורוקד מתוך שמחה עצומה, הוא גם בוכה בדמעות שאין בפיהם מלים לתאר אותן, והריקודים מתחזקים עוד יותר דוקא בגלל הדמעות!...

## עם הרב ד״ר כהן בוויסבאדן

בשנת 1912, זוכרת אני, שהינו בוויסבאדן. בשבת לפנות ערב הגיע לבקרנו הרב המקומי, ד״ר כהן[221]. הוא בילה בשיחה עם בעלי למעלה משעתיים.

במשך כל הזמן הוא היה בבחינת שומע בלבד, והקשיב בהתפעלות לכל מלה של בעלי. משהתאחרה השעה אל תוך הלילה, פנה אל בעלי בדייקנות גרמנית: ״כבוד הרב שניאורסון, הגיעה כבר שעת ארוחת הערב, ורעייתי ממתינה לי כבר, אבל אינני יכול להינתק מהשיחה עמכם. זוהי תורה הצריכה לימוד!״

לי אמר שעלי להבטיח שכל שיחותיו של בעלי יצאו לאור.

## עם הסופר ש. אנסקי ברכבת

פעם אחרת, כשחזרנו לביתנו ממסע לחו״ל, הצטרף אלינו לרכבת מוואִרשה ואילך הסופר אנסקי[222]. הוא נכנס לתאנו, והתחלנו איכשהו לבלות בשיחה, תוך כדי נסיעה ברכבת. השיחה התנהלה בעיקר, כמובן, בין בעלי ובין הסופר, וכללה בעיקר סיפורים על אדמו״רים, זקני החסידים ומפורסמים אחרים, ובכלל — על חיי הרוח היהודיים.

מכל הקרונות הסמוכים עברו אנשים — צעירים וזקנים — לקרון

---

220) ראה גם ״שמועות וסיפורים״ ח״ג (נ.י. תש״נ) ע׳ 148.

221) כנראה הכוונה לרב ד״ר אליעזר ליפמן (ליאו) הכהן קאהן, אב״ד וויסבאדן. נפטר י״ב חשון תרצ״ז בשנת תשעים וחמש לחייו. תולדותיו וחידושי תורה ממנו בהוספות לספר זרע יעקב (ברוקלין, תשל״ז).

222) ש. אנסקי — כינויו הספרותי של שלמה זיינוויל רפופורט (תרכ״ג־תר״פ), סופר אידי מפורסם.

שלנו. בלילה הם לא חזרו לתאיהם כדי לישון, אלא הקשיבו בעניין ללא־הרף לשיחה, שתוכנה היה עשיר במיוחד.

## הכרת־טובה בקרסקובה

בשנת 1946, כשהייתי בקרסקובה שעל־יד מוסקבה[223], הכל פחדו לעמוד בארבע אמותיי. כמעט כל יום היה עלי לחפש מקום אחר ללון, שכן ללון בעיר מבלי להירשם תחילה — אסור היה, ולהראות את הפספורט שלי[224] כדי להירשם — קל־וחומר שאסור היה... חיפשתי אפוא עצות כדי לשפר במידת־מה את מצבי.

יום אחד שמעתי שבמלחובקה הסמוכה לקרסקובה מתגורר הד״ר לנדמן, שאותו הכרתי. הלכתי אפוא אליו, בתקווה שיוכל לפתור עבורי את בעיית המגורים החוקיים.

הוא קיבל את פניי בידידות, ואמר לי מיד שהוא זוכר את ימי החג ושמחת־תורה שבהם בילה בביתנו. גם הוא היה מאלה שלקחו את חופשתם בחודש תשרי[225]. הוא עבד בבית־רפואה כמנתח בכיר, וכדי לחוש עונג יום־טוב — כפי שתיאר לעצמו — בחר להיות בחברתו של שניאורסון, הרב מיקטרינוסלב.

״עכשיו אני אומר לכם״ — פנה אלי — ״ביתי הוא ביתכם, אינני חושש מכלום״.

## מכירת חמץ — בכל מאת האחוזים

עכשיו כבר אחרי חג הפסח תש״י. בחודש אב ימלאו כבר שש שנים להיעדרו של בעלי. מדי פעם נזכרת אני במאורע נוסף מחייו.

במסגרת[226] מחוייבותו של בעלי למלא את כל התפקידים המוטלים על רב בישראל, נדרש הציבור היהודי לפנות אליו לשם מכירת חמץ. ומאחר שגישתו של בעלי כפי כל פעולה שביצע חייבה שהפעולה תהיה אמיתית לכל עומקה ובכל מאת האחוזים, ולא שטחית בלבד — היה הדבר כך גם בעניין זה: רצונו של בעלי היה שהחמץ יתבטל לגמרי.

היתה קטגוריה מסויימת של יהודים, בעלי נטייה להשכלה,

223) ראה גם ״תולדות לוי יצחק״ ח״ג ע׳ 880.

224) שבו הופיע השם המחשיד שניאורסון.

225) ראה לעיל ע׳ 000.

226) מכאן ואילך מספרת הרבנית על שנות כהונתו של רלוי״צ ברבנות יקטרינוסלב.

שהביטו על מכירה זו בעין ביקורתית, אך מאחר שלא רצו לפגוע ברגשותיו הדתיים של הרב, השתתפו בה גם הם.

אני זוכרת שבתקופת הפליטים[227] התפנה מווילנא ליקטרינוסלב פאוול איסאקוב כהן[228] עם הגימנסיה שלו על כל מחלקותיה. בסמינר למורים שבהנהלתו למדו למעלה מאלף תלמידים, וכיהנו בו מספר גדול של מורים שהיו מפורסמים בעולם האקדמי היהודי.

אדם זה, פאוול איסאקוב, היה מלומד גדול בענייני יהדות, אך ללא נטייה לדת. הוא תפס מקום חשוב בעולם ה"השכלה", והוא הרגיש בכך ונהג גדלות בעצמו במידה רבה.

על־אף המעמד החברתי הגבוה שממנו נהנה האיש, הרי בשל הכבוד שרחש לשניאורסון ובשל ההערכה שחש כלפיו — הוא נהג לבקרנו לעתים קרובות — הוא השפיל עצמו, מעשה אדם פשוט (לפי הבנתו), ובא לביתנו בערב פסח כדי "לרשום את החמץ" (כך זה נקרא).

אני זוכרת כיצד הוא נכנס לביתנו, וניכר היה שרצונו שהרב יראה כי הוא עושה למענו מחווה רבתי. אך הוא זכה לקבלת־פנים שלא מהסוג שציפה לה.

היתה זו כבר שעת בוקר מאוחרת, ובתגובה לדבריו של האיש, שבירך את בעלי בבדיחות הדעת בברכת "בוקר טוב" — הרים עליו בעלי את קולו: "מוקדם יותר לא יכלתם להגיע? הרי רואים אתם מהי השעה!"... כך, בקול רם מהרגע הראשון.

האיש הובך במידת־מה, אך התיישב מיד והשיב על השאלות ששאל אותו בעלי, בדיוק כפי שעשו כל הילדים הקטנים שנשלחו על־ידי הוריהם לבצע עבורם שליחות זו.

בחול־המועד הגיע אותו אדם לבקרנו יחד עם אשתו, באותה הדרת־כבוד שנהג בנו קודם לכן, ללא כל כעס.

במאורעות כאלה הבחנתי פעמים רבות. אנשים הגיבו כך משום שראו עד כמה בעלי עושה כל זאת מתוך רגש של אמת.

---

227) הכוונה לתקופת מלחמת העולם הראשונה, שבה הגיעו ליקטרינוסלב פליטים רבים מאזור הכיבוש הגרמני.

228) פאוול איסקוביץ כגן (כהן), מנהל גימנסיה יהודית בווילנא.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב